בס"ד

# דברי תורה מרבינו ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

פרשת יתרו תשפ"ב
מאמר ב' ס"ג

יו"ל פר' יתרו תשפ"ג



## נתנדב לזכר נשמת
## רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**

**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

### "גחלי אש"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

### "בם חייתני"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com

**שטייט** אין פסוק אנהייב פרשה (יח, ג-ד) 'ואת שני בניה אשר שם האחד גרשום כי אמר גר הייתי בארץ נכריה, ושם האחד אליעזר כי אלקי אבי בעזרי ויצלני מחרב פרעה', שטעלען זיך די מפרשים אז מ'וואלט געדארפען מקדים זיין די נאמען פון אליעזר פאר די נאמען פון גרשום, ווייל דאס וואס משה רבינו איז געראטעוועט געווארען פון פרעה'ס שווערד איז געווען נאך איידער ער איז געווארען א 'גר' אין מדין.

**כדי** דאס צו פארשטיין דארף מען מקדים זיין א דקדוק פארוואס שטייט נישט אין פסוק 'גר הייתי בארץ **בין הנכרים**', ד. ה. אז ער איז געווען א גר צווישען פרעמדע מענטשען, אזוי וויא די פשוטע טייטשט פון גרות - אז ער געפינט זיך אין א פרעמדע ארט, וואס ער קען נישט די שפראך און די וועג וויא מ'פיהרט זיך דארט, ווייל נישט די פרעמדע לאנד איז דאס וואס שטערט איהם, נאר די פרעמדע מענטשען וואס וואוינען דארט זיי זענען די וואס שטערען איהם [און אזוי טרעפט מען ביי יוסף הצדיק אז ער האט איבער געפירט די פאלק פון איין זייט צום צווייטען - מקצה גבול מצרים עד קצהו (ויגש מז, כא), כדי אז די שבטים זאלען נישט ווערען אנגערופען 'גולים', זעט מען דערפון אז דער גאנצע גרות איז צוליב די מענטשען וואס געפינען זיך ארום, און נישט צוליב די פרעמדע לאנד].

**נאר** דער כוונה אין וואס ס'שטייט '**גר הייתי בארץ נכריה**', איז אז משה רבינו ע"ה האט געהאט דאס געפיהל אז זיין גאנצע פארזוימונג און וואס ער געפינט זיך דא אויף די וועלט איז 'גר בארץ נכריה', וויא ער געפינט זיך נאר איז ער נישט מער וויא א גר - 'גר הייתי עמך'. ווייל זיין גאנצע לעבען דא אויף די וועלט איז נישט פארזיכערט און נישט אויף שטענדיג, ווייל ער איז נאר א גאסט, און ער געהערט נישט צו דא באמת. און נאר נאכדעם וואס ס'איז פארהאן די געפיהל פון 'גר הייתי בארץ נכריה', קען מען צוקומען צו די אמת'דיגע געפיהל אז '**אלקי אבי**

בעזרי'. און דעריבער ביי אליעזר'ס נאמען שטייט נישט 'כי אמר' אזוי וויא ס'שטייט ביי גרשום'ס נאמען, ווייל דער לשון פון 'אמירה' איז מצמצם דער זאך אויף געוויסע ווערטער און אויף א געוויסע צייט, אבער 'אלקי אבי בעזרי' איז געווען ביי משה רבינו ע"ה א מציאות, ווייל נאכדעם וואס עס האט זיך איינגעווארצילט ביי איהם די הכרה אז גר הייתי בארץ נכריה, איז דאס געווען ביי איהם 'קבוע' טאג טעגליך - מידי יום ביומו א שטענדיגע געפיהל אז אלקי אבי בעזרי, נישט נאר ווען ער איז געראטעוועט געווארען פון פרעה'ס שווערד, נאר ביי אלע געשעהענישען, בכל עת ובכל שעה האט ער געלעבט מיט א געפיהל אז אלקי אבי בעזרי [און ביי 'גר הייתי בארץ נכריה' שטייט 'כי אמר', וויל אויפדעם דארף מען ארבעטען]. און אזוי אויך ביי יעדער איינער און איינער, דורך דעם געפיהל מיט די אמת'דיגע וויסענשאפט אז 'גר הייתי בארץ נכריה', קען ער צוקומען צו א שטענדיגע ערקענונג אז 'אלקי אבי בעזרי' - כגמול עלי אמו כגמול עלי נפשי, און וויסען אז אין יעדער צושטאנד וואס ס'זאל נאר זיין - על פי ה' יחנו ועל פי ה' יסעו.

**אבער** כדי צו צוקומען צו די ריכטיגע געפיהל פון 'גר הייתי בארץ נכריה' - זיך אפצורייסען פון די 'קביעות' אויף די וועלט, דארף מען וויסען אז ס'דא עפעס העכער פון די גאנצע גשמיות וואס מען זעהט מיט די גשמיות'דיגע אויג, ווייל ס'שטייט אין פסוק (יט, יז) 'ויוצא משה את העם **לקראת האלקים** מן המחנה', וואס לכאורה וואלט געדארפען שטיין פארקערט 'ויוצא משה את העם מן המחנה **לקראת האלקים**', נאר די אינערליכע זינען פון '**מן המחנה**' מיינט ארויס צוגיין און זיך אפרייסען פון די 'קביעות' פון די וועלט, אפלאזען די געוואוינהייטען וואס בינדען צו די מענטש צום עולם הזה, און זיך דערהייבען פון איבער די ארציות - נישט זיין איינגעזינקען אינדעם מיטביידע פיס, און צוליב דעם דארף מען מקדים זיין און וויסען '**לקראת האלקים**' - אז ס'איז דא עפעס מעהר און העכער פון אלע גשמיות, און מ'קען זיך דערהייבען פון די קביעות פון די עולם הזה'דיגע זאכען און די חומריות.

**און** אט שטייט (יט, יח) 'ויעל עֲשָׁנוֹ

**כְּעֶשֶׁן הכבשן**', זאגט רש"י '**יכול ככבשן** זה ולא יותר, ת"ל (ואתחנן ד, יא) 'בוער באש עד לב השמים', ומה ת"ל 'כבשן' **לְשַׁבֵּר את האוזן** מה שהיא יכולה לשמוע, נותן לבריות סימן הניכר להם. כיוצא בו '**כאריה ישאג**' (הושע יא, י), וכי מי נתן כח בארי אלא הוא, והכתוב מושלו כאריה, אלא אנו מכנין ומדמין אותו לבריותיו, כדי לשבר את האוזן מה שיכולה לשמוע. וכיוצא בו 'וקולו כקול מים רבים' (יחזקאל מג, ב), וכי מי נתן קול למים והלא הוא, ואתה מכנה אותו לדמותו לבריותיו, **כדי לשבר את האוזן**' [די מקור הדברים איז פון די מכילתא, און דארט איז דער לשון '**לְשַׁכֵּךְ**' **את האוזן**]. און אזוי אויך אויפ'ן פסוק וואס שטייט (יט, יט) '**ויהי קול השופר הולך וחזק מאוד**', זאגט רש"י '**מנהג הדיוט כל** זמן שהוא מאריך לתקוע קולו מחליש וכוהה, אבל כאן הולך וחזק מאוד, ולמה כך מתחלה, **לשבר אזניהם** מה שיכולין לשמוע'.

**דער שפת אמת** (לקוטים ד"ה כעשן ברענגט רש"י'ס פשט און ער שרייבט 'לענ"ד כפשוטו, לכך המשיל בדברים קרובים אל האדם, כדי לְשַׁבֵּר האזנה מדברים הבלים שהם ענין סור מרע, **ולכך קרובים הדברים לאדם, והבן**' [ער הייבט אן זיינע ווערטער און זאגט אז זיי זענען '**כפשוטו**', און ער ענדיגט צו און שרייבט '**והבן**', אז דאס איז נישט כפשוטו]. און מיר דארפען צו פארשטיין וואס איז שווער געווען דעם שפת אמת וואס ער האט געדארפען טייטשען אנדערש פון רש"י. וי"ל אז ס'איז איהם שווער געווען די לשון פון לשבר את '**האוזן**', ווייל די אויער הערט, און די פעלער איז נאר אין די שכל אז מען קען נישט פארשטיין און דערגרייכען. און נאך איז שווער, אז אפילו אויב מ'קען דערגרייכען נאר 'כעשן הכבשן', וואלט אויך געדארפען שטיין ויעל עשנו '**יותר**' מעשן הכבשן, און באר'ן פסוק '**כאריה ישאג**' וואלט געדארפען שטיין ישאג **יותר** מאריה, און באר'ן פסוק 'וקולו **כקול מים רבים**', וואלט געדארפען שטיין וקולו **יותר** מקול מים רבים, און פארוואס איז מען מצמצם און מ'שרייבט נאר אז דער עשן איז ארויף נאר כעשן הכבשן א.ד.ג.

**און** אין קדמונים איז דא א נוסח אין רש"י אז מ'שרייבט נישט לְשַׁבֵּר את

האוזן מיט א שי"ן, נאר לְשַׁבֵּר את האוזן מיט א שי"ן, און ס'איז נישט קלאר וויא אזוי האט דער שפת אמת געלערנט אין רש"י, צו אזוי וויא ס'שטייט אין די קדמונים, און זיינע ווערטער זענען סתומים. און געוויס טאקע אז די ווארט לְשַׁבֵּר איז א לשון פון פארשטאנד - הבנה מיט סברה, און די קדמונים פארטייטשען נישט וואס איז באדייט פון די שבירת האוזן, אבער אין די ווערטער פון דער שפת אמת איז דאס גוט ערקלערט, און אזוי וויא ווייטער אויסגעשמוסט.

**ווייל** אט שטייט (יט, ה) '**ועתה אם שָׁמוֹעַ תשמעו בקולי**', און ס'שטייט אין די גמרא (ברכות מ.) 'בא וראה שלא כמדת הקב"ה מדת בשר ודם, מדת בשר ודם כלי ריקן מחזיק מלא אינו מחזיק, אבל הקב"ה אינו כן, מלא מחזיק ריקן אינו מחזיק, שנאמר **ויאמר אם שמוע תשמע - אם שמוע תשמע ואם לאו לא תשמע**, דבר אחר **אם שמוע בישן תשמע בחדש**'. ד. ה. אז רוחניות און דברי תורה קענען נישט ווערען איינגעזאפט אין א כלי וואס איז ליידיג פון רוחניות'דיגע זאכען, ווייל ווען דער כלי איז פוהל מיט גשמיות'דיגע זאכען, איז נישט דא קיין מציאות אז ס'זאל דארט ווערען איינגעזאפט דברי תורה - ווייל ס'איז באמת א כלי ריקן, נאר וואס דען, דער מענטש דארף זעהן זיך אויסצוליידיגען פון גשמיות, און אנפולען זיין הארץ מיט רוחניות'דיגע זאכען - כדי אז ער זאל קענען הערען דברי תורה (עי' פני מנחם בפרשתן עמ' קד, כי תשא עמ' ריב, במדבר עמ' ג ועמ' ו). און דאס איז דורך די רצון און תשוקה וואס דער מענטש האט צו דברי תורה, און דורכדעם וואס ער איז מקדים יראת שמים פאר'ן לערנען - ראשית חכמה יראת ה' (עי' פני מנחם כי תשא עמ' רז, בה"ב עמ' קעט, ראה עמ' צד), וואס דייקא דורכ'ן '**שמוע**' קען זיין '**תשמעו**' (ועי"ש במהרש"א).

**און** דאס מיינט דער **שפת אמת**, אז כדי לְשַׁבֵּר את האוזן אז זי זאל קענען הערען און פארשטיין, דארף מען לְשַׁבֵּר את האוזן נישט צו צוהערען צו פּוסטע זאכען - דברי הבלים, און דעריבער האט דער פסוק געגעבען א ביישפיל דייקא צו אזעלעכע סארט זאכען וואס זענען נאנט צו די מענטש, ווייל די

גופניות'דיגע און גשמיות'דיגע זאכען וואס זענען נאנט צו איהם דארף ער צוברעכען - **לְשַׁבֵּר**, כדי די אויער זאל קענען הערען און פארשטיין - **לְשַׁבֵּר** ולהבין, וויל נאך איידער וואס דער מענטש וויל דערגרייכען רוחניות'דיגע השגות, ליגט אויף איהם א אויפגאבע זיך אפצוטוהן פון שלעכטס - לסור מרע, אז דער מענטש זאל וויסען און ער זאל אנערקענען זיין צושטאנד און וויא ער געפינט זיך, און דארט זאל ער אוועקגיין פון די שלעכטס - סור מרע. און ס'ליגט אויפ'ן מענטש צו אנערקענען אז אויב ביי גשמיות'דיגע באגרייפען - **'ויעל עשנו'** איז דאס נאר מעגליך אויב ס'איז **'כעשן הכבשן'**, אויך דארט אינעם גשמיות'דיגע עשן הכבשן איז פארהאן רוחניות, און ס'ברענט מיט א רוחניות'דיגע פייער צום רבונו של עולם. אבער ס'איז אום מעגליך צו טאנצען מדרגות און דערגרייכען השגות ווען מ'איז איינגעזינקען אין גשמיות, נאר דערנאך וואס ס'איז **תשמע בישן** - אז מען צוברעכט די אויער פון זיך צוהערען צו גשמיות, און דער כלי איז ליידיג פון גשמיות און פוהל מיט א רצון און א השתוקקות צום דבר ה',

דעמאלט האט מען אויערען צו הערען און מ'קען הערען און דערגרייכען השגות [און דאס וואס שטייט אין די גמרא (חולין נט:) אז דער גוי'ישע קעניג האט זיך געוואונדערט אויפ'ן פסוק (עמוס ג, ח) **'אריה שאג מי לא יירא'** וואס איז דער חידוש, און מ'האט איהם געוויזען די **אריה דבי עילאי**, און זיין שטימע האט דערציטערט דארטען דעם גאנצען לאנד, אזוי וויא ס'שטייט דארט. דאס אלעס איז לויט די השגה און פארשטאנד פון א גוי, אבער יודישע קינדער פארשטייען אז אלעס וואס איז אנטפלעקט געווארען אין גשמיות, איז נישט מער וויא א משל - א ווידער קול און א קליינע אפקלאנג פון די רוחניות'דיגע געשריי, און דאס קען מען נישט דערגרייכען כל זמן וואס מען צוברעכט נישט די אויער פון צוהערען הבלי עוה"ז].

**און** דעריבער דייקא אין פרשת יתרו - פאר קבלת התורה, איז דא צוויי דיבורי רש"י אויף **'לשבר האוזן'**, ווייל דער הכנה צו קבלת התורה איז אפצושוואכען די חושים פון די הבלי עולם הזה, און דאס איז דער תנאי אז דער אויער זאל קענען

הערען און פארנעמען דברי תורה.

**און** אט שטייט (בשלח יג, יח) 'וחמושים עלו בני ישראל מארץ מצרים', טייטשט רש"י '**חמושים - מזויינים**', און אין רש"י ישן לייגט צו אז דער פסוק איז נישט געשריבען געווארען **כי אם לְשַׁבֵּר את האוזן**, שלא תתמה במלחמת עמלק ובמלחמות סיחון ועוג ומדין, מהיכן היו להם כלי זיין שהכו ישראל אותם בחרב. לכאורה דארף מען פארשטיין וואס איז די גרויסער וואונדער פון וואנעט זיי האבען געהאט געווער, דער גאנצע לעבען פון די יודען אין מדבר איז געווען בדרך נס - און אזוי וויא דער אייבערשטער האט זיי אראפ געבערענגט די 'מן' מיט די '**אבני השוהם**' פאר די נשיאים, האט ער זיי אויך געקענט ברענגען געווער, און זיי האבען אויך געקענט קויפען פון די תגרי אומות העולם, אדער ס'קען זיין אז זיי האבען געטראפען א אייזען און פונדעם האבען זיי געמאכט געווער.

**אבער** לויט'ן **שפת אמת** קען מען פארטייטשען רש"י'ס ווערטער, אז ס'גייט ארויף אויף די שטענדיגע מלחמת עמלק וואס איז פארהאן אין יעדער דור און דור, ווייל יעדער מענטש גייט דאך אדורך 'מסעות' במשך זיין לעבען, און ער גייט אין א רוחניות'דיגע 'מדבר', און ער האט מלחמת היצר, **שמא יאמר האדם אין לי כלי זיין לעמוד במלחמה**, דערפאר זאגט מען '**לשבר את האוזן**', אלעס ווענדט זיך אין דיר, אויב די וועסט אוועק גיין פון די שלעכטס און דו וועסט צוברעכען דאס צוהערען צו דברים הבלים, און דו וועסט ערוועקען א אינערליכע רצון צו צוהערען צום דבר ה', דעמאלט וועסטו זוכה זיין צו הערען דעם דבר ה', און מנצח זיין אינעם מלחמת היצר.

**און** יעדער איינער ווייסט דאך וויא ריכטיג זענען די ווערטער אין די היינטיגע צייטען, וואס דער וועלט איז פוהל מיט דברי הבל, און די אויערען קענען הערען הבלי עולם הזה, און די אויגען קענען זעהן דברים אסורים, און עס ליגט אויף יעדער איינער נישט אנצופילען דעם כלי מיט דברי הבל פונעם עולם הזה, ווייל 'הנפש לא תמלא' פון גשמיות - און אין אמת'ן אריין איז דאס נאר א ליידיגע כלי, און אלץ וואס דער מענטש הערט אגאנצען

טאג - מבוקר עד ערב, איז טאקע גארנישט דא אינדעם - אין בהם ממש, אבער דאס פארשטאפט און פוהלט עס אן עד כדי אז ער קען נישט הערען און איינזאפען אין זיך רוחניות, און כדי אז ער זאל קענען הערען און פארנעמען רוחניות און מנצח זיין אין מלחמת היצר, דארף ער זיך אפטוהן פון די שלעכטס, **לשבר את האוזן** נישט צו צוהערען קיין פוסטע רייד, און זיכען און וועלען הערען רוחניות. און דורכדעם וואס מען פארשטאפט די אויערען פון הערען הבלי עולם הזה, קען מען הערען דעם דבר ה', און אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (ישעיה מב, יח) 'החרשים שמעו והעורים הביטו לראות', און וויא דער רבי פון לובלין זי"ע האט געטייטשט אז דער פסוק מיינט צו זאגען אז **דורכדעם וואס דער מענטש איז מצמצם זיינע אויערען און זיינע אויגען פון דאס צו ניצען אויף אזעלעכע סארט זאכען וואס זיי זענען אנטקעגען דעם רצון ה', דורכדכם איז ער זוכה צו א רוחניות'דיגע שמיעה און ראיה** (עי' אהל תורה ישעיה שם).

**דער** אייבערשטער זאל העלפען אז מיר זאלען זיך אפקערען פונעם שלעכטס, און מיר זאלען זוכה זיין צו דעם אמת'דיגע שמיעה, און ס'זאל מקויים ווערען אין אונז דעם פסוק (משלי ח, לב) 'ועתה בנים שמעו לי ואשרי דרכי ישמורו'.